שמע ישראל ה' אלקינו ה' "אחד"

קונטרס

# דורשי יחודך

שיחות ומאמרים
מאת
הגה"צ רבי **יעקב מאיר שעכטער** שליט"א

מאמר
'יום חמדתו'

אידיש

מועתק מלשונו הזהב

מאמר י"א
חודש חשון שנת תשפ"ג לפ"ק

# פרנס החודש

נתנדב על ידי הרבני הנגיד, רודף צדקה וחסד ולא מחזיק
טיבותא לנפשיה, איש ישר וטוב לב
ה"ה

מוה"ר **הרוצה בעילום שמו** הי"ו

לכבוד התנא האלקי
**רבי שמעון בר יוחאי** זצוק"ל
ולע"נ הרה"ק רבי **חיים זאנוויל**
**בן רבי משה** זצוק"ל
אדמו"ר מריבניץ

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, שזכות הצדיקים תגן עליו להתברך
בכל מילי דמיטב, ולראות דורות ישרים ומבורכים,
בבריות גופא ונהורא מעליא,
תענוג ונחת דקדושה כל הימים

לשמיעת המאמר מפי מורינו הגה"צ שליט"א, ולהערות והארות
**קול דורשי יחודך**
**718-586-5199**
בא"י 0765997840

~ ~ ~

ניתן לקבל מידי חודש הקונטרס באימעל: dyyms12@gmail.com
וכן ניתן לקבל את הקונטרס דרך הדואר, במחיר חודשי של $20 עבור
הוצאת עריכת הקונטרסים
נא להשאיר הודעה בקול דורשי יחודך נומער 9

~ ~ ~

נעשה בפיקוח **"מוסדות קרן אור"** – בנשיאת מורינו הגה"צ שליט"א

©
כל הזכיות שמורות
**למכון דורשי יחודך**

נסדר לדפוס ע"י:
ישר
Publishing & Production
718.484.2189

# תוכן המאמר


"ושב"ת - עד ה' אלוקיך"! ......... א
אזוי האט מען גע'פסק'ענט אין הימל ......... ג
פארזוך דעם טעם פון שבת ......... ה
הזובח את יצרו ......... ו
שוין דריי טויזנט יאר וואס ער גייט... ......... ח
צוריקלויפן צום שורש ......... י
דער באדייט פון 'מנוחה' ......... י
א בריאה וואס גאַרט צום אויבערשטן! ......... יב
פאָרן אויף דאַטשע... ......... יד
"השבת נועם הנשמות" ......... טו
ער קוקט גאר אויס אנדערש... ......... טז
מעלת אכילת שבת ......... טז
"לא זזה שכינה מישראל בכל שבתות" ......... יט
זיך איינקויפן דעם שבת ......... כ
עס פאסט נישט אפצולאזן... ......... כג
וואס רעדט מען ביי דיר ביים שבת טיש?! ......... כד
שבת – למעלה מן הזמן! ......... כה
ר' איד! עס איז דא א יום השבת! ......... כו
שבת - א גאנצע וואך! ......... כח

# מאמר י"א

## יום חמדתו[א]

### "ושב"ת - עד ה' אלוקיך"!

אין דעם פריערדיגען שיעור[ב] האבן מיר געלערנט אז עס איז דא 'תשובה' אויף 'תשובה'[ג]. אז א מענטש טוהט תשובה, דורכדעם איז ער זוכה אז ער איז מקבל א 'הארה מלמעלה', ער ווערט נענטער צום אויבערשטן מיט א גרעסערע השגה אינעם אויבערשטן, אויף

---

א. **וזאת למודעי:** חלקו הראשון של המאמר הוא יותר מתובל בדברי תורה ובחינות וכיו"ב, וחלקו השני הוא מלא התחזקות ודברים ערבים ומתוקים.

ב. מאמר זה הוא מתוך סדרת שיעורי ספה"ק לקוטי מוהר"ן.

ג. להקל על המעיין העתקנו כאן חלק מלשון ספה"ק ליקוטי מוהר"ן השייך להתחלת מאמר זה, וזל"ש בא"ד: "ואפילו אם יודע אדם בעצמו, שעשה תשובה שלימה, אף על־פי־כן צריך לעשות **תשובה על תשובה** הראשונה. כי מתחילה כשעשה תשובה עשה לפי השגתו, ואחר־כך בודאי כשעושה תשובה, בודאי הוא מכיר ומשיג יותר את השם יתברך. נמצא לפי השגתו שמשיג עכשיו, בודאי השגתו הראשונה הוא בבחינת גשמיות. נמצא, שצריך לעשות תשובה על השגתו הראשונה, על שהתגשם את רוממות אלקותו. **וזה בחינת עולם הבא, שיהיה כולו שבת, היינו כולו תשובה, כמו שכתוב** (דברים ל): **"ושבת עד ה' אלקיך"**, כי עיקר עולם הבא הוא השגת אלקותו, כמו שכתוב (ירמיהו ל"א): "וידעו אותי למקטנם ועד גדולם". נמצא בכל עת שישיגו השגה יתירה, אזי יעשו תשובה על ההשגה הראשונה. וזה שאמרו חז"ל (סנהדרין מג:): **'כל הזובח את יצרו'**, היינו בחינת תשובה, בחינת: "ולבי חלל בקרבי", בחינת דום לה', בחינת אקיה, בחינת כתר, בחינת כבוד, כנ"ל, 'ומתודה עליו', היינו שמתוודה על זביחת יצרו, היינו שעושה תשובה על תשובתו והשגתו הראשונה, 'כאילו כבדו להקדוש ברוך הוא בשני עולמות'. כי תשובה הראשונה, בחינת כבוד עולם הזה. ואחר התשובה שזוכה להשגה יתירה, ומכיר ביותר את רוממות אלקותו, ועושה תשובה על תשובתו, זאת התשובה הוא בחינת כבוד עולם הבא..."

אזוי ווייט, אז ער איז זיך מתבונן ווי אזוי האט ער חוטא געווען 'לפני מלך גדול ונורא', און ווי האט אויסגעקוקט די 'תשובה'?! ער באקומט א השגה אין דעם אויבערשטן, אז ער שעמט זיך מיט דער פריערדיגער תשובה מיט וואספארא 'קטנות המוחין' דאס איז געווען, ער שעמט זיך אויף דער פריערדיגער תשובה, און ער טוהט 'תשובה' אויף דער פריערדיגער 'תשובה'! דאס איז א גרויסע מדריגה, א חשוב'ע מדריגה!

א מענטש אז ער ווערט נאנט צום אויבערשטן, הויבט ער אָן משיג צו זיין דעם גרויסקייט פונעם אויבערשטן. און ער טוהט תשובה: 'פארוואס האב איך תשובה געטוהן מיט אזא קליינעם מח?!' דאס איז א דרגא! דאס איז א דרגא! די זאך פון 'תשובה על תשובה' דאס איז 'עולם הבא' - אזוי זאגט דער רבי: **"וזה בחינת עולם הבא שיהיה כולו שבת!"**. עולם הבא רופט זיך 'כולו שבת'.

דער רבי טייטשט: 'כולו שבת' - 'כולו תשובה'. ווייל שבת איז תשובה, אזוי ווי עס שטייט[ד]: **"וְשַׁבְתָּ עַד ה' אֱלֹקֶיךָ"**. 'ושבתָּ' איז 'שבת'. דאס הייסט אז דער טייטש פון 'שבת' איז, 'זיך אומקערן', אט דאס איז דער טייטש פון שבת. עס שטייט אויך אין די ספרים[ה] אז שבת איז מלשון 'אומקערן צום שורש', אט דאס איז שבת!

מיט וואספארא זאך איז 'תשובה על תשובה' דומה צו 'עולם הבא'? - זאגט דער רבי, ווייל דער 'עיקר עולם הבא' איז 'השגת אלקותו' - משיג זיין דעם אויבערשטן, אט דאס איז עולם הבא! אזוי ווי עס שטייט[ו]: **"כִּי כוּלָּם יֵדְעוּ אוֹתִי לְמִקְטַנָּם וְעַד גְּדוֹלָם"** - אלע וועלן וויסן פון מיר! און וויבאלד 'עולם הבא' איז דאך 'כולו שבת', קומט אויס אז יעדעס מאל וואס מען וועט משיג זיין א גרעסערע השגה

---

**ד.** דברים ל, ב.

**ה.** עי' בספה"ק "דברי אמת" (להרה"ק החוזה מלובלין), פר' מטות: **"והנה שמעתי מהרב המגיד שיחי' ששבת הוא שורש התשובה, לשון שבת שוב"**.

**ו.** ירמיה לא, לג.

וועט מען זיך שעמען אויף דער פריערדיגער השגה, איז דאס 'תשובה על תשובה'!

## אזוי האט מען גע'פסק'ענט אין הימל

אז דער רבי שטעלט צו 'תשובה' צו 'שבת', ווייזט עס אויף א 'דבר מיוחד', א הייליגע תשובה, א הויכע תשובה, גאר אויף א הויכן אופן! אזוי ווי די גמרא זאגט אין מסכת שבת[ז]: "**אמר רב חייא בר אבא אמר רבי יוחנן, כל המשמר שבת כהלכתו, אפילו עובד עבודה זרה כדור אנוש מוחלין לו"!** און דער טורי זהב[ח] זאגט דערויף, אז "עס איז אפילו נישט דא די ד' חילוקי כפרה"!

איך האב עס צוגעשטעלט צו תורה נ"ח[ט]. דער רבי רעדט דארטן וועגן שבת. זאגט דער רבי דארטן, אז שבת איז 'תשובה מאהבה'! שבת איז 'עונג', 'אהבה בתענוגים'. און דער "בני יששכר"[י] ברענגט

---

ז. דף קיח:

ח. ריש סי' רמ"ב, וז"ל: "בטור הביא גמרא דכל כתבי כל המשמר שבת כהלכתו אפי' עע"ז כאנוש מוחלין לו איכא למידק אי לא עשה תשובה שבת מאי מהני ואי עשה תשובה שבת ל"ל. ונראה דמיירי שעשה תשובה אלא דתשובה לא מהני שיהא מוחלין לו כדאיתא בפרק יה"כ עבר על כריתות ומיתות ב"ד תשובה תולה ומיתה ממרקת **קמ"ל כאן דאם בעשותו תשובה שומר שבת כהלכתו מהני תשובה שיהא נמחל לו**".

ט. וזה תורף לשונו שם (ע"פ דקיצור ליקו"מ): "שבת משפיע לכל המדריגות, ומשלח הארותיו ומרפא רפואת הנפש ורפואת הגוף. [**שבת הוא בחינת תשובה, והתשובה היא מאהבה בחינת: "אהבה בתענוגים"** (שיר השירים ז, ז). כי אהבה בא מעונג שבת, ותשובה מאהבה זה בחינת לחם משנה של שבת (עין פנים), ועל־ידי־זה כל הכשרים שבדור נתרפאים. גם נתיפים ונתכבדים בעיני הבריות. ועיקר הארת שבת הארת התשובה, שהוא בחינת חיות דקדשה, בחינת: **'טועמיה חיים זכו'**, ובחינת: **שובו וחיו**, מקבלין מחכמי וצדיקי הדור שהם בחינת משה".

י. מאמרי חודש תשרי - ד', אות ל"ט: "יש לפרש עפ"י מה שכתב הרב הגדול מו' חיד"א זללה"ה ד' חילוקי כפרה אינם רק להשב מיראה **אבל השב מאהבה אין צריך לד' חילוקי כפרה** רק מתכפר הכל בתשובה לבדה, כתב כן בשם גדולי הקדמונים

אראפ בשם דעם 'חיד"א'[יא], אז ביי תשובה מאהבה איז נישטא קיין ד' חילוקי כפרה. און ער זאגט: איך ווייס נישט פון וואנעט ער האט עס גענומען, אבער וויבאלד ער איז געווען א רב מובהק - דער חיד"א, האט מען אוודאי אזוי גע'פסק'ענט אין בית דין של מעלה!

אינטערסאנט, איך האב עס געפונען אין ספר "חרדים"[יב] קלאר, אז דורך 'תשובה מאהבה' דארף מען נישט קיין ד' חילוקי כפרה. און שבת אליין - שבת איז 'תשובה מאהבה'! אז מען ווערט נכלל שטארק אין שבת - דאס איז א מחילת עוונות!

דער רבי רעדט טאקע דארטן אין תורה נ"ח: **"וְשָׁב וְרָפָא לוֹ"**[יג] - דורך שבת איז דא 'רפואה'![יד] **"רַק שִׁבְתּוֹ יִתֵּן"** - די שבת'דיגע שפע איז **"וְרַפֹּא יְרַפֵּא"**[טו]! דער רבי איז מרמז אז עס איז נישטא קיין ד' חילוקי כפרה! דער רבי זאגט דארט: 'שבת' איז א לשון פון 'תשובה' - **"ושבת עד ה' אלקיך"!** שבת איז א הויכע תשובה - דער עצם

---

(ולא נודע לי מקומו איה, וסוגיות הש"ס לא נודעו במסילות הללו, **אבל כיון שפסק כן רב מובהק בדורו בבית דין של מטה, פוסקין כן להלכה בבית דין של מעלה)**".

**יא.** עי' בספרו "חומת אנ"ך על תהלים קג, ג.

**יב.** פרק ס"ה, וזל"ש בקיצור: "תנן במסכת אבות (פ"ד, י"ג) רבי אליעזר בן יעקב אומר העושה מצוה אחת קנה לו פרקליט אחד, והעובר עבירה אחת קנה לו קטיגור אחד, תשובה ומעשים טובים כתריס בפני הפורענות, הקשה הרב רבינו מאיר מטוליטולא ז"ל דהא תניא ד' חלוקי כפרה, עבר על עשה ועשה תשובה מיד מוחלים לו, עבר על לא תעשה תשובה תולה ויום הכפורים מכפר, עבר על כריתות ומיתות בי"ד תשובה ויה"כ תולין ויסורין ממרקין, ובעון חילול ה' שלשתן תולין ומיתה ממרקת, הרי על כרחך יסורין אפילו עם תשובה. **ותירץ, דהתם בשב מיראה, דזדונות נעשו לו כשגגות, והכא בשב מאהבה דעונות נעשו לו כזכויות"**.

**יג.** ישעיה ו, י.

**יד.** עיי"ש אות ה': "ושבת משלח הארותיו לכל המדריגות, בבחינת: 'חד יניק לכמה סטרין', **ומרפא רפואות הנפש ורפואות הגוף**, בבחינת (שמות כ"א): **"רק שבתו יתן ורפא ירפא", שתי רפואות, על ידי שבת"**. גם עי' לקמן בס"ק מ"ט מה שהעתקנו מספה"ק תפארת שלמה ע"פ פסוק זה.

**טו.** שמות כא, יט.

שבת! די 'אמונה' פונעם שבת! נכלל ווערן אין שבת! **"כל המשמר שבת כהלכתו אפילו עובד עבודה זרה כדור אנוש מוחלין לו!"**

**פארזוך דעם טעם פון שבת**

אין "ליקוטי מוהר"ן", אין תורה ע"ב (תניינא), זאגט דער רבי אזוי[טז]: **"כי עיקר התשובה היא על ידי הבושה"**. אז א מענטש איז מכיר 'גדלות הבורא', שעמט ער זיך אז ער האט חוטא געווען! אט דאס הייסט א תשובה פון השגות אלקות!

זאגט דער רבי דארט: **"ותשובה הוא בחינת חיים, בחינת**[יז] **'וְהָשִׁיבוּ וִחְיוּ'"**. 'והשיבו' איז תשובה. וויבאלד אז מען טוהט תשובה באקומט ער א גרעסערע השגה אין אויבערשטן, וואס דאס איז 'חיים', אט דאס איז לעבן!

דער ריכטיגער ווארט 'חיים', מיינט, 'משיג זיין דעם אויבערשטן', נהנה זיין מזיו השכינה, אט דאס הייסט חיים! חוץ דעם איז קיין זאך נישט קיין חיים! די אלע ווערטער 'חיים' וואס מען רופט, איז נאר 'בשם המושאל'. דער ריכטיגער חיים איז **"וְאַתֶּם הַדְּבֵקִים בה' אֱלֹקֵיכֶם חַיִּים כֻּלְּכֶם הַיּוֹם"!**[יח]

זאגט דער רבי ווייטער: **"בחינת חיים נצחיים של עולם הבא, בחינת 'שבת', בחינת 'טועמיה חיים זכו'"**. אז מען פארזוכט דעם

---

**טז.** וזל"ש: "וכשזוכין לבושה, אזי רואה כל אחד את ריחוקו מהשם יתברך, איך הוא רחוק מאד ממנו יתברך, ונופל עליו בושה גדולה, ועל ידי הבושה עושין תשובה, **כי עיקר התשובה על ידי הבושה**, ותשובה הוא בחינת חיים, בחינת (יחזקאל י"ח): **"והשיבו וחיו"**, בחינת **חיים נצחיים של עולם הבא**, בחינת **שבת**, בחינת: **'טועמיה חיים זכו'**. וזה: "בראשי"ת" 'יר"א בש"ת', 'יר"א שב"ת' (תקוני זהר תקון ז ותקון ט). כי היראה והבושה, דהיינו בחינת תשובה, הוא בחינת שבת, בחינת חיים נצחיים של עולם הבא כנ"ל".

**יז.** פסוק ביחזקאל יח, לב: "כִּי לֹא אֶחְפֹּץ בְּמוֹת הַמֵּת נְאֻם ה' אלקים **וְהָשִׁיבוּ וִחְיוּ**".

**יח.** דברים ד, ד.

טעם פון שבת, דער הייליגקייט פון שבת, דער קדושה פון שבת און דאס התעוררות פון שבת, איז "חיים זכו", מען איז זוכה צו עולם הבא!

און דער רבי פירט אויס דארטן: "**וזה, בראשי"ת, ירא בשת, ירא שבת**"[יט]. א יראה וואס עס קומט פון בושה דאס איז א הויכע יראה. זאגט דער רבי: "**כי היראה והבושה, דהיינו בחינת תשובה**" - דאס איז 'תשובה'. ווייל די בושה נעמט זיך דאך צוליב ווי אזוי מען האט אויסגעקוקט פריער. זאגט דער רבי - "**הוא בחינת שבת, בחינת חיים נצחיים של עולם הבא**" - דאס איז 'שבת' און דאס איז חיים נצחיים! א 'יראה' וואס עס קומט פון 'בושה' פונעם אויבערשטן דאס איז א 'יראת הרוממות'! דאס איז א יראה פון 'שבת' וואס עס איז נאנט צו 'תשובה מאהבה'!

### הזובח את יצרו

(על כל פנים, דער רבי ברענגט עס אריין אין דער תורה (תו' ו' הנ"ל). דער רבי זאגט דא ווייטער: "**וזה שאמרו חז"ל, כל הזובח את יצרו וכו'**". רש"י זאגט 'הזובח את יצרו' - ער טוהט תשובה. באמת איז דאס עצם תשובה וחרטה א 'זביחת היצר'. אבער דער רבי רעדט דא וועגן מקבל זיין א בזיון 'באהבה' (עיי"ש אות ב'). דאס מיינט, ער איז מודה צו יענעם אז עס קומט אים. יענער ווייסט טאקע נישט פארוואס ער פארשעמט אים, אבער 'ער' ווייסט אז עס איז פונעם אויבערשטן, דעמאלט טוהט ער שחט'ן דעם יצר הרע. "**בבחינת ולבי חלל בקרבי**" - אזוי ווי דוד המלך האט געזאגט, אז דער יצר הרע איז גע'הרג'עט אין אים. "**בחינת דום לה'**" - דאס שפיכת דמים וואס ער האט, מען פארשעמט אים און ער שווייגט, ער איז מקבל באהבה, ווערט דורכדעם "דום לה'". זאגט דער רבי, דאס איז "**בחינת אהי"ה, בחינת כתר, בחינת כבוד**" - דאס איז א כבוד גדול פארן אויבערשטן

---

**יט.** עפ"י תיקוני הזוה"ק תיקון ז' וט'.

אז א מענטש איז מקבל א בזיון 'באהבה' אז עס קומט אים ווייל ער האט מורד געווען במלכות שמים. און מיט דעם איז ער זוכה 'לזבוח את יצרו', דאס איז א כבוד פארן אויבערשטן!

טייטשט דער רבי: "**כל הזובח את יצרו ומתוודה עליו**", ער טוהט תשובה, און דערנאך טוהט ער תשובה אויף דער תשובה פון פריערט, "**היינו שמתוודה על זביחת יצרו, היינו שעושה תשובה על תשובתו והשגתו הראשונה**" - ער טוהט תשובה אויף דער פריערדיגע 'תשובה', אויף דער פריערדיגער 'השגה', איז "**כאילו כיבדו להקדוש ברוך הוא בשני עולמות**". פארוואס? ווייל אין יענער וועלט איז אלעמאל דא דער זאך, דארטן איז מען משיג מערער, באקומט מען א בושה אויף דער פריערדיגער השגה, און מען איז זיך מתעַנג מיט דער נייער השגה!

ממילא, אויף דער וועלט, ביי יעדער 'תשובה על תשובה' רופט זיך דער צווייטער תשובה 'בחינת שבת'. די ערשטע תשובה רופט זיך 'בחינת חול' - "**כי תשובה הראשונה, בחינת עולם הזה**", ער איז מכבד דעם אויבערשטן אויף דער וועלט מיט א קליינע השגה. "**ואחר התשובה שזוכה להשגה יתירה, ומכיר ביותר את רוממות אלקותו**" - די הויכקייט פונעם אויבערשטן, "**ועושה תשובה על תשובתו**" - ער טוט תשובה על תשובה, "**זאת התשובה הוא בחינת כבוד עולם הבא**" – אט די תשובה רופט זיך 'כבוד עולם הבא'. ווארום דער אמת איז אז אפילו מען טוהט תשובה על תשובה און מען ווערט נסתלק מיט תשובה שלימה, אבער אז מען קומט אויף יענער וועלט, און מען הויבט אן צו משיג זיין 'עולם הבא', שעמט מען זיך אויף דער גאנצער 'קטנות המוחין', אויף די גאנצע עבודות און תשובות פון דער וועלט!

דער רבי זאגט אז תשובה איז בחינת 'כבוד'. דאס איז פאסיג צו דעם לשון וואס יהושע האט געזאגט עכן'נען. עכן האט דאך מועל געווען ביי דעם חרם אין יריחו. האט אים יהושע געזאגט ער זאל תשובה טוהן און ער זאל זיך מתוודה זיין ברבים אויף זיינע עוונות.

שטייט דער לשון[כ]: "**וַיֹּאמֶר יְהוֹשֻׁעַ אֶל עָכָן בְּנִי שִׂים נָא כָבוֹד לַה' אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל**". דאס מיינט, מיט דער תשובה ביסטו מכבד דעם אויבערשטן. "**וְתֶן לוֹ תוֹדָה**" איז דער פשט, זיי זיך מתוודה, "**וְהַגֶּד נָא לִי מֶה עָשִׂיתָ**" - וואס דו האסט געטוהן. ווייל 'תשובה' איז 'כבוד', "כבוד לה' אלקי ישראל").

## שוין דריי טויזנט יאר וואס ער גייט...

לגבי דער זאך אז לעתיד וועט זיין הוילע 'השגות', פאסט זיך צו ברענגען א לשון השל"ה אין "תולדות אדם"[כא]. זאגט ער אזוי: "**וענין הנצחיות**" - וואס איז דאס נצחיות? "**שלא יפסק מהשגה להשגה, ומהשגה להשגה, כי אין סוף וגבול להשגה בו יתברך, וזהו ענין עולם הבא לעתיד לבוא, ילכו מחיל אל חיל"!** אט דאס הייסט 'נצחיות'! מען וועט משיג זיין דעם אויבערשטן, נהנה זיין מזיו השכינה, און נאַכער וועט מען ווייטער משיג זיין, און נאך מער משיג זיין!

כל-שכן די אידן וואס האלטן אין איין לערנען און דאווענען, מען איז מוסיף בתורה, מען איז מוסיף מצוות - גייט מען, מען האלט אין איין ארויפגיין! און דארט וועט מען זעהן פשט אין דעם אלעם! "**כי אין סוף וגבול להשגה בו יתברך**" - עס איז נישטא קיין גבול! מען קען האלטן אין איין משיג זיין!

דער "צמח צדק"[כב] ברענגט אראפ - דאכט זיך עס שטייט פונעם אר"י אין ליקוטי הש"ס[כג] - אז משה רבינו וויפיל ער האט משיג

---

**כ.** יהושע ז, יט.

**כא.** בית דוד י"ב.

**כב.** עי' בספרו הקדוש "דרך מצוותיך" מצות פריה ורביה דף ד' ע"ב: "ואמנם באמת עיקר מ"ש רז"ל מצוות צריכות כוונה (ברכות י"ג א') היינו לכוין שכך ציוהו בורא עולם ויֵדע שמקיים במעשה זו מצוותו ורצונו העליון ב"ה אשר רצון זה הוא מקור החיים והוא א"ס כו' הגם שאינו יודע מהו המכוין בזה כי לא מחשבותי מחשבותיכם **ומה**

געוועו דער גרויסקייט פון תורה און מצוות אויף דער וועלט, איז ער משיג אלעמאל נאך העכערע סודות אין די מצוות פון דער וועלט - אין די עשין און אין די לאוין, ער האלט אין איין משיג זיין - און ער האט נאך נישט דערלאנגט דעם סוף!... עס איז שוין עטליכע טויזנט יאר - זאגט ער דארטן דעם לשון - און ער האלט אין איין משיג זיין די סודות, די סתרי תורה וואס עס איז דא אין די מצוות - און ער איז נאך נישט געקומען צום סוף! וויבאלד אז עס קומט פון אויבערשטן האט עס נישט קיין סוף, **"כי אין סוף וגבול להשגה בו יתברך!"**.

זאגט דער של"ה: **"וזהו ענין עולם הבא לעתיד לבא, ילכו מחיל אל חיל"**. דאס הייסט, ער טייטשט אפ, וואס הייסט "ילכו מחיל אל חיל" - מען וועט גיין פון איין השגה צו דער צווייטער השגה. 'חיל' - יעדער רכוש רופט זיך 'חיל', א גשמיות'דיגער רכוש רופט זיך חיל, ער האט פעלדער, ער האט א רכוש, ער האט געלט, ער האט בנינים. און 'שכל' - אז ער האט מער שכל ווי אַן אנדערער, עפעס א גוטן שכל, עפעס א גוטן מח, דאס רופט זיך אויך 'חיל'. כל-שכן די השגת 'תפארת גדולתו יתברך', נהנה זיין מזיו השכינה!

---

**שמובן קצת ענינו ע"ד הנ"ל הוא באמת רמז וכטיפה מאוקיינוס בלבד ויותר מזה** כי אין ערוך ממש שהרי אין האדם בעל חומר משיג רוחני' **והרי מרע"ה זה ג' אלפים שנה בג"ע וכל שעה הוא הולך מחיל בעומק ההשגה בטעמי המצות ועכ"ז נאמר עליו לכל תכלה ראיתי קץ והמצוה עצמה רחבה מאד** (תלים קי"ט צ"ו) **כי יש בה עילוי אחר עילוי** כו' רק אעפ"כ מה טוב ומה נעים גם קצת ומקצת דמקצת ושמץ מיני' המובן וכי נחמד הוא להשכיל, וידע שהעיקר הוא קיום רצונו ית' שבו כמוס טעמו וחכמתו ית' וישמח ויגיל מזה כעל כל הון".

**כג.** עיי"ש על מס' ברכות: "ת"ח אין להם מנוחה לא בעוה"ז ולא בעוה"ב. הענין כי בעולם שלאחר המיתה ת"ח עוסקים בתורה ועולין ממדרגה למדרגה ומישיבה לישיבה כי **אפילו מרע"ה בכל יום ויום עולה ומשיג יותר** כי כמו שהשי"ת אין לו סוף כך תורתו אין לה סוף".

## צוריקלויפן צום שורש

דאס איז דער אמת'ער 'רכוש', דאס איז אַן אייביגער רכוש, א נצחיות'דיגער רכוש! אט דער רכוש דאס איז אונזער שורש, און דאס איז אונזער תכלית! און דערפאר רופט מען עס 'מנוחה'! מען קומט צו צו דעם שורש, צו דער תכלית, דאס איז מיין שורש, מיין תכלית, אט דאס איז מנוחה!

רבי צדוק הכהן[כד] ברענגט אראפ, אז די טבע איז אז יעדער בעל-חי ווען ער איז אין א מיצר לויפט ער צו זיין שורש. ער ברענגט אראפ אז דאס איז דער סוד פון דער משנה[כה]: "**כל שבים טהור**" - אלע חיות פון ים איז טהור. און עס איז דא א כלב, ער געפונט זיך אסאך אין ים, מען רופט אים '**כלב הים**', און ער איז טמא. ווייל בשעת עס איז אים ענג לויפט ער אין יבשה, איז דאס א סימן אז דער ים איז נישט זיין שורש! 'מנוחה' האט מען ביים שורש! אז עס ווערט א מענטשן ענג לויפט ער צו צו זיין אמת'ער שורש!

## דער באדייט פון 'מנוחה'

אבער לכאורה איז דא דערין א סתירה. עס איז דא די לשון הגמרא[כו]: "**אמר רבי חייא בר אשי אמר רב, תלמידי חכמים אין להם מנוחה לא בעולם הזה ולא בעולם הבא, שנאמר 'ילכו מחיל אל חיל יראה אל אלקים בציון'**". איי, שבת איז דאך א מנוחה, עולם הבא איז דאך 'כולו שבת'!?

[דער פשוט פשט איז טאקע, אז דער וועלט האט אזויפיל געקאכט אין די ששת ימי בראשית, אזוי ווי עס שטייט אין "ערבי

---

**כד.** עי' בספרו "רסיסי לילה" אות נ'.

**כה.** כלים פי"ז, מי"ג.

**כו.** ברכות סד.

נחל"[כז] אז אין די זעקס טעג איז געווען אזוי פיל התפתחות (אנטוויקלונגען) אין דער וועלט אז עס האט אפגעקאכט אזוי ווי מיליאנען יארן! דערפאר נאַרן זיך די חוקרים, זיי מיינען אז די וועלט שטייט שוין אזויפיל יארן... און אין די טעג איז טאקע נישט געווען קיין שום מנוחה, אבער ביי שבת איז 'בא שבת בא מנוחה', אפגעשטעלט! ערשט שטעלט זיך די וועלט אויף אן אנדערע סארט גאנג].

זאגט אבער דער של"ה[כח]: "**כי בשבת נבראת המנוחה**", ביז שבת איז נישט געווען קיין מציאות פון מנוחה. שבת איז באשאפן געווארן 'מנוחה'. דערפאר איז א מצוה שבת 'לנוח'. און וואס איז מנוחה? זאגט ער: "**וענין מנוחה היא - אין לה מנוחה!**" דער 'ילכו מחיל אל חיל' - משיג זיין תמיד השגות אינעם אויבערשטן, אט דאס איז מנוחה! "**כמו שאמרו רבותינו ז"ל: תלמידי חכמים אין להם מנוחה בעולם הבא, רק ילכו מחיל אל חיל מהשגה להשגה, וזהו בלי ערך ושיעור, וזהו בעצמה סיבת המנוחה ותענוג רוחני**". מען איז 'מטייל' אינעם שורש נאך שענער, און נאך שענער, נאך מער 'זיו', נאך מער 'תענוג', אט דאס איז די מנוחה. און ער זאגט מיט דעם לשון: "**זכיית התרחבות והתגדלות הרוחניי בישראל**". (המנוחה היא) וואס עס ווערט ברייטער דער מח, דער רוח פון א מענטש ווערט ברייט, 'התרחבות והתגדלות', עס ווערט גרעסער די נשמה!

'התרחבות' איז אזוי ווי עס שטייט ביי שלמה המלך'ן[כט]: "**וַיִּתֵּן אֱלֹקִים חָכְמָה לִשְׁלֹמֹה וּתְבוּנָה הַרְבֵּה מְאֹד וְרֹחַב לֵב כַּחוֹל אֲשֶׁר עַל שְׂפַת הַיָּם**". דאס איז פשט, א כלי צו מקבל זיין אסאך חכמה, אט

---

**כז.** עיי"ש פר' בלק: "אם כן מקור החכמה והמדע הוא הבורא ית"ש יעשה פעולה גדולה נוראה הזו, הוא המצאות כל המציאות אשר **אם יחיה אדם אלפי אלפים שנים לא ישיג אפס קצהו מפלאי כל המציאות**".

**כח.** פסחים, תורה אור, אות ג'. וכעי"ז עי' גם במהרש"א על מס' ברכות שם.

**כט.** מלכים-א ה, ט

דאס באקומט מען אויף יענער וועלט, מען ווערט גרעסער און גרעסער און גרעסער!

דאס וואס דער של"ה זאגט, אז אין שבת איז באשאפן געווארן 'מנוחה', דאס פאסט איין אין די ווערטער פונעם 'אור החיים' אויפן פסוק: "**כִּי אוֹת הִוא בֵּינִי וּבֵינֵיכֶם**"[ל]. זאגט ער, שבת איז אַן 'אות' אויף אונזער מנוחה! דער תענוג וואס עס איז נרגש ביום השבת איז א צייכן צו עולם הבא, 'ביני וביניכם'!

"**והיא בחינת עולם שכולו שבת**", דאס קען מען נישט משיג זיין נאר דורך 'מצות שבת'. פשט איז, אז עס איז נישט שייך צו האבן עולם הבא אָן מצות שבת! שבת איז באשאפן געווארן דער ענין פון השגה אינעם אויבערשטן!

## א בריאה וואס גאַרט צום אויבערשטן!

עס איז טאקע דא א פשט פונעם 'אור החיים'[לא]: "**נִכְסְפָה וְגַם כָּלְתָה נַפְשִׁי**"[לב] - מיין נפש ווערט 'נשלם' דורך 'נכספה', אט דאס איז השלמת הנפש! חוץ דעם איז אלעס הבל הבלים! דער גאנצער תכלית פון תורה ומצוות איז צוקומען צו זיין נאנט צום אויבערשטן!

אין "בראשית" ביי "ויכולו השמים", זאגט ער: "**גם יש לך לדעת**" - פירט ער דארטן אויס אזוי: "**ובזה עמד ונתקיים העולם – באמצעות התשוקה למצוי!** 'מצוי' איז דער אויבערשטער. ער טייטשט: "**וַיְכֻלּוּ הַשָּׁמַיִם וְהָאָרֶץ וְכָל צְבָאָם**" – זיי האבן אלע אנגעהויבן צו בענקען צום אויבערשטן. מלשון "**כלתה נפשי**". און דאס איז געווען דער גמר הבריאה! ווייל אָן דעם קען נישט זיין קיין בריאה!

---

**ל**. שמות לא, יג. עיי"ש באוהח"ק.

**לא**. בראשית ב, א

**לב**. תהלים פד, ג.

מיט דעם וואס דער אויבערשטער האט איינגעפלאנצט א קשר אין דער בריאה אז מען זאל קענען בענקען צו אים און זיין מקושר צו אים, אט דאס איז דער קיום פון דער בריאה! אז נישט איז די בריאה א ווייטע זאך פון אויבערשטן! דער קיום העולם איז באמצעות די תשוקה צו דעם 'אור הבורא', צום אויבערשטן וואס ער רופט זיך 'מצוי היחיד והמיוחד שאין זולתו'. "ובאמצעות זה נשלמה ונתקיימה הבריאה" – ממילא ווערט נשלם דער בריאה!

דאס וואס עס איז דא אין דער בריאה איין 'שומר שבת', איינער וואס האט דביקות צום אויבערשטן, אויף אים שטייט דער וועלט! ווייל ער איז מקשר דער וועלט מיט יענער וועלט![לג]. אט די זאך פון 'השתוקקות' און 'כיסופין' צו השם יתברך און 'השגות' אין השם יתברך דאס האט דער אויבערשטער באשאפן אום שבת קודש! **"ובאמצעות זה נשלמה ונתקיימה הבריאה"**.

דער 'כלתה' טייטשט זיך אויף צוויי אופנים, סיי 'כיסופים', און סיי מלשון 'השלמה'.

אין דעם צווייטן פסוק דארטן אין "ויכולו" (שם ב', עה"פ 'ויכל אלקים' וגו'), זאגט ער: **"הכוונה הוא כי ביום שבת ברא ה' נפש העולם!"**. דאס רופט זיך די נפש פון דער וועלט, די 'נפש', דאס 'הארץ' פון דער וועלט! אז אין דער וועלט איז דא א מציאות וואס מען זאל בענקען צום אויבערשטן דאס איז 'נפש העולם'! און ער טייטש עס אריין אין פסוק: **"וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי שָׁבַת וַיִּנָּפַשׁ"**[לד], ער האט באשאפן דער 'נפש'! מיט דער שביתה איז נתגלה געווארן דער 'נפש', דאס 'השתוקקות'!

דאס ווייזט אזוי ווי דאס לשון פון של"ה, אז די 'מנוחה' דאס האט דער אויבערשטער באשאפן שבת. און די מנוחה, דאס איז 'השגות אלקות', און דאס איז דער 'קיום הבריאה'! אָן שבת איז נישטא קיין מציאות פון דביקות אין אויבערשטן!

---

**לג.** עיי"ש באוה"ח הקדוש.

**לד.** שמות לא, יז.

**פאָרן אויף דאַטשע...**

נאך איבער דעם ענין פון 'השגה בהשגה', איז דא אין ספר "שיח יצחק"[לה]. זאגט ער: "**ומזה הטעם נקראים מלאכים 'עומדים', מה-שאין-כן אדם נקרא 'מהלך', כמו שכתוב אצל יהושע בן יהוצדק: 'ונתתי לך מהלכים בין העומדים האלה'**". ביי יהושע בן יהוצדק שטייט אז דער נביא האט אים געזאגט בשם דעם אויבערשטן: "**וְנָתַתִּי לְךָ מַהְלְכִים בֵּין הָעֹמְדִים הָאֵלֶּה**"[לו]. ער האט אים געוויזן מלאכים, און ער האט אים געזאגט: 'דו וועסט זיך געפונען אין דעם פלאץ', נאר זיי זענען 'עומדים', אבער דו וועסט זיין א 'מהלך'!

זיי זענען 'עומדים' ווייל זיי שטייען אלעמאל ביי א 'השגה אחת'. א גרעסערע מלאך, צו א קלענערע מלאך, מיט וואס ער ווערט באשאפן אזוי בלייבט ער אלעמאל! און דו ביסט א צדיק, וועסטו דארטן זיין מיט זיי - אבער דו וועסט זיין א 'מהלך'! דו וועסט זיין א 'מהלך מהשגה להשגה'!

זאגט ער דארט: "**ולכן הצדיקים המובטחים בדביקותם בא-ל חי, להיות משכילים ונהנים מזיו השכינה, אין קץ וגבול להשגתם ממדריגה למדריגה, ולכן נקראים מהלכים, והוא מה שאמר ליהושע, שהוא יזכה למדריגה יותר עליונה ממלאכי השרת, עד שהוא יהיה במדריגת מהלך בין מלאכי השרת שנקראים עומדים. ולכן אמרו רבותינו ז"ל גם כן "צדיקים אין להם מנוחה בעולם הזה ובעולם הבא, שנאמר**[לז] **ילכו מחיל אל חיל", רצה לומר שהליכתם ממדריגה למדריגה לחזות בנועם ה' ולהנות מזיו שכינתו, אין לו מקום סיום וקץ, שיהיה אז נקרא בגדר נח ושובת**" - עס האט נישט קיין סיום, עס האט נישט קיין קץ! און דאס איז דער ריכטיגער פלאץ פון שורש נשמתינו!

---

**לה.** מרבי יצחק אייזיק חבר זצ"ל. בדרוש לשבת פר' בראשית, אות צ"ט-ק'.

**לו.** זכריה ג, ז.

**לז.** תהלים פד, ח.

מען זעהט אפילו אמאל, א מענטש פארט אויף א דאַטשע ערגעץ, דער עיקר תענוג האט ער אז ער קוקט אויס אונטערעסאנטע זאכן. אין יעדער מדינה געפונט זיך אנדערע אונטערעסאנטע זאכן, דאס גייט אריין אין חלק המנוחה. דער תענוג איז, וואס ער זעהט און ער ווערט נתפעל פון אונטערסאנטע זאכן וואס ער האט קיינמאל נישט געזעהן!

עס איז דא א ווארט[לח] פון דעם רבי'ן ר' בונם מ'פרשיסחא זי"ע, א ראי' פון דער תורה אז א צדיק איז א 'מהלך'. זאגט ער אזוי: אין פסוק שטייט: "**וְהִנֵּה שְׁלֹשָׁה אֲנָשִׁים נִצָּבִים עָלָיו**"[לט]. זיי זענען געווען מלאכים, און זיי זענען געווען 'איבער' אים - גרויסע מלאכים, 'גבריאל', 'מיכאל' און 'רפאל' - זיי זענען 'העכער' ווי אים. דערנאך שטייט "**וירץ 'לקראתם**'", ער איז שוין 'גלייך' ווי זיי. נאכער שטייט "**והוא עומד 'עליהם**'", ער איז שוין 'העכער' ווי זיי! זעהסטו אז א צדיק איז א מהלך!

## "השבת נועם הנשמות"

על כל פנים, מיר האבן א שבת פון 'עולם הבא', 'יום שכולו שבת ומנוחה לחיי עולמים', און מיר האבן אונזער שבת אויף דער וועלט! "**יוֹם מְנוּחָה וּקְדֻשָּׁה לְעַמְּךָ נָתָתָּ!**" שבת איז א טאג וואס מען איז מקבל א נשמה יתירה! וואס מען שפירט מער דעם אויבערשטן! מען איז מער משיג גדולת הבורא יתברך שמו!

---

**לח.** עי' בספה"ק "בית יעקב" (אלכסנדר) פר' וירא: "ושמעתי ממורי מפרשיסחא שאמר בזה, שכיון שהכניס אברהם האורחים המלאכים, השיג מדריגתם בחינת עומד, שלא יפול ממדרגתו. וזהו פירוש "**והוא עומד עליהם**", שנעשה בחינת עומד. ופן תאמר שלא היה לו בחינת הליכה, לזה אמר הכתוב 'עליהם', שהמדריגה הטובה בחינת הליכה, אשר היה לו מקדם עליהם, נשאר לו".

**לט.** בראשית יח, ב.

דער זוהר זאגט[מ]: **"יומא דשבתא חדוה איהו לכולא"** - די גרעסטע שמחה! ווייטער זאגט דער זוהר דארט: **"האי יומא יומא דנשמתין איהו, ולאו יומא דגופא"**, שבת איז א טאג פון נשמה! אינגאנצן נישט קיין טאג פון גוף! די גאנצע תענוגי הגוף איז למען אז די נשמה זאל האבן 'רחבות' צו קענען גיין העכער און העכער!

## ער קוקט גאר אויס אנדערש...

מען זעהט טאקע אין חז"ל[מא], אין מציאות. אז אַן 'עם הארץ' וואס פארקויפט טבל, אפילו ער זאגט אז ער האט גע'מעשר'ט, גלויבט מען אים נישט, אבער אז מען פרעגט אים שבת צו ער האט גע'מעשר'ט, מעג מען עס עסן, ווייל **"עם הארץ אימת שבת עליו!"** אַן עם הארץ - שבת וועט ער נישט זאגן קיין ליגנט. זעהט מען אז עס געפונט זיך ביי אידן א 'פחד', א 'הארה פון שבת'!

אין ילקוט שמעוני[מב] שטייט גאר אַן אינטערעסאנטע זאך: **"וַיְבָרֶךְ אֱלֹקִים אֶת יוֹם הַשְּׁבִיעִי"** - אז א מענטש קוקט אויס שבת אנדערש! פון דער נשמה יתירה וואס ער האט, און פון דעם **"חָכְמַת אָדָם תָּאִיר פָּנָיו"**[מג], קוקט ער אויס שבת אנדערש! **"ברכו באור פניו של אדם, ולא דומה אור פניו של אדם כל ימות השבת כמו שהוא בשבת"!** דאס איז בסוד 'חכמת אדם תאיר פניו'!

## מעלת אכילת שבת

איך בין אמאל געווען ביי רבי שמואל הורוויץ ע"ה[מד] פאר דער הסתלקות. האט ער מיר אויסגערעכנט וואס מען באקומט פרייטאג

---

**מ.** חלק ב' דף ר"ה.

**מא.** ירושלמי דמאי ד.

**מב.** בראשית ב' רמז ט"ו

**מג.** קהלת ח, א.

צונאכטס ביים דאווענען: ווען מען באקומט פרייטאג צונאכטס די 'נפש' פון דער 'נשמה יתירה' און ווען מען באקומט דער 'רוח' פון דער 'נשמה יתירה', און ווען מען באקומט 'נשמה' - פון אר"י ז"ל איז דאס[מה]. נאָכער האט ער מיר אויסגערעכנט פון בייטאג - שבת

---

**מד.** ה"ה **הגה"ח רבי שמואל** ב"ר ישעי הלוי **הורוויץ זצ"ל**, עיין תולדותיו בקונטרס דורשי יחודך – מאמר ו' – נעים זמירות ישראל, ס"ק ל"ד.

**מה.** עי' בספה"ק יסוד ושורש העבודה שער השמיני - העליון, פרק ב', שם מבואר סדר מקום קבלת הנר"ן יתירה של שבת, וז"ל שם: "מזמור הבו לה', ויהי הוא טרם חל"ה לדבר מזמור זה, יכוון אדם לקבל תוספות 'נפש' יתירה וכו'... בואי בשלום וכו', חרוז זה יאמר האדם בשמחה עצומה עד מאוד, כי בחרוז זה מקבל האדם נפש יתרה דליל שבת קודש, ואנו קוראים לשכינה הקדושה 'בואי בשלום עטרת בעלה' וכו', 'תוך אמוני עם סגולה', פירוש, שתשרה עלינו עם קדוש הישראלי שנקראים עם סגולה בסוד 'נפש יתרה'. 'בואי כלה בואי כלה', ופעם שלישית 'בואי כלה' יאמר בלחש, האר"י ז"ל. ואחר שלש פעמים בואי כלה, יאמר שבת מלכתא, וימשיך על עצמו במחשבתו גם כן בזה הלשון בשמחה עצומה 'הריני ממשיך על ועל כל ישראל נפש יתירה קדישא של ליל שבת'. ודבר זה שנוי בזוהר הקדוש שצריך אדם דוקא להכין עצמו לזה להמשיך עליו נר"ן יתירה של שבת קודש, ויבוא לפנינו (שם בפרק ד') העתקת מאמרו הקדוש בעז"ה בברכת 'הפורש סוכת שלום' בקבלת נשמה יתירה... ושם בפרק רביעי כתב וז"ל: וקודם עניית "ברוך ה' המבורך לעולם ועד", יכוון להמשיך עליו תוספות הרוח יתירה, ויכוון במחשבתו בזה הלשון בשמחה עצומה "הריני ממשיך עלי ועל כל ישראל תוספות הרוח יתירה דליל שבת קודש"... כשיגיע ל"ופרוש עלינו סוכת שלומך" וכו', צריך לעמוד, האר"י ז"ל. וב"ופרוש עלינו סוכת שלומך" וגם בתיבות "הפורש סוכת שלום עלינו", ימשיך ויקבל על עצמו תוספות נשמה יתירה של ליל שבת ...ובתיבות "ועל כל עמו ישראל" יכוון להמשיך נשמה יתירה על כל ישראל, אף שלא נזכר זה בכתבי האר"י ז"ל, מכל מקום החרד על דבר ה' ראוי לזכות עמו גם אחרים מכלליות ישראל עם קדוש, מאחר שהזכירו ישפ"ר בשבחו, ומה מאוד עמקו מחשבות חרוץ בזוה"ק פרשת בראשית (דף מ"ח.) ענין קבלת נשמה יתירה בהפורש סוכת וכו' ...והנה עיניכם הרואות במה שכתב הזוהר הקדוש במאמר זה "ובעינא לזמנא ההיא סוכה דיתפרסת עלנא ולמשרא עמנא" וכו', ועל כן צריך האדם להיזהר בזה להכין עצמו לזה, להמשיך ולקבל על עצמו נשמה יתירה בהפורש סוכת וכו', וכן הזמנה מילתא היא גם כן בקבלת נפש ורוח בתפלה במקומות המבוארים למעלה... וז"ל שם בפרק שמיני: מרום מראשון הוא לכם, לכוון בהתחלת "נשמת" לקבל עליו תוספת הנפש של יום

בייטאג איז אזא חילוק פון שבת ביינאכט, אזוי ווי פון אינמיטן וואך ביז שבת ביינאכט, אזא חילוק איז! דערפאר גייט מען אין מקוה שבת פארטאגס, ווייל עס קומט א 'נייער שבת'! האט ער מיר אויך אויסגערעכנט: ווען מען באקומט דער 'נפש' פון שבת בייטאג, און דעם 'רוח', און ווען מען באקומט די 'נשמה' פון שבת בייטאג.

האט ער מיר אויסגעפירט - ער האט גערעדט אזוי צפַּת'עריש, ער איז געווען זייער נישט געזונט - האט ער אויסגעפירט: **"און ביים עסן פון שבת באקומט מען אַן אור פון 'עדן האצילות' פון 'פאֵר עליון' ממש!"**. זאגט ער: **"און איך בין אזוי קראנק, איך קען נישט שבת אריינלייגן א ביסן אין מויל!"** אזוי האט ער זיך מצטער געווען... - אזוי איז אכילת שבת - אזוי הויער![מו]

---

השבת, וגמר קבולה של תוספת נפש זו יכוון בברכות דיוצר, האר"י ז"ל ... ואחר חצי קדיש יכין עצמו לענות "ברוך ה' המבורך לעולם ועד" בשמחה עצומה מאוד, ובכאן יקבל עליו תוספות נפש של יום השבת, כי אם התחיל לקבלה בתחלת "נשמת", כאן "בברכו" הוא על המוגמר, גמר קבלתה כנ"ל ...כשיגיע לתפלת העמידה בין גאולה לתפלה, יכוון לקבל עליו תוספת הרוח של יום השבת, ואם שכח לקבל תוספת הנפש בנשמת ובברכו, יכוון עתה לקבל שניהם הנפש והרוח... ושם בפרק י': "איה מקום כבודו" (קדושת כתר) בתיבת "איה" יקבל וימשיך על עצמו תוספת נשמה מיום השבת, האר"י ז"ל".

**מו.** עי' ספה"ק "תפארת שלמה" פר' משפטים: "'רק שבתו יתן ורפא ירפא'. עפ"י מ"ש בפי' המשנה במסכ' שבת (יד, ג) 'כל האוכלין אוכל אדם לרפואה בשבת'. פי' **מכל המאכלים שהאדם אוכל בשבת יכול להשיג רפואה** כי שורש הרפואה נעשה בש"ק ע"י יחודי העולמות העליונים בכוונת האכילה כיל"ח לכן (שבת יב, ב) שבת הוא מלזעוק ורפואה קרובה לבא. וזה גם כן הרמז רק שבתו יתן **ע"י קדושת אכילת השבת - ורפא ירפא**". גם עי' בספה"ק "ליקוטי מוהר"ן" סי' נ"ז, אות ה': "ועונג שבת הזה, זה בחינת אכילה בקדושה. כי אכילת ימי החול, נהנה ממנה גם כן הסטרא אחרא. **אבל מאכילת שבת, אין חלק לסטרא אחרא כלל וכלל.** וזה שצוה אותנו על אכילת שבת, כמו שכתוב (שמות ט"ז): "אכלוהו היום כי שבת היום לה'". **כי אכילת שבת, נעשה קדושה ואלוקות גמור, בלא תערובת סיגים כלל. ויכול לפעול באכילת שבת, מה שפועל בתענית"**. גם עיי"ש בסי' רע"ז, ובתניינא סי' י"ז.

## "לא זזה שכינה מישראל בכל שבתות"

נו, על כל פנים, מיר געפינען זיך אין א תקופה פון הסתר פנים, א תקופה פון "**וְאָנֹכִי הַסְתֵּר אַסְתִּיר פָּנַי בַּיּוֹם הַהוּא**"[מז]. דער רבי טייטשט[מח]: '**הסתר אסתיר**' - אמאל ווייסט מען כאטש אז עס איז דא א הסתרה. אבער אז מען ווייסט גארנישט אז עס איז א הסתרה, אז א מענטש שפירט דעם שבת וואָכנדיג - און ער ווייסט גארנישט אז עס איז א הסתרה - ער איז ממש ווייט פון שבת!

אבער דאך קען מען זאגן אויף אונזער שבת, אזוי ווי דער זוהר זאגט[מט]: "**לא זזה שכינה מישראל בכל שבתות ויום טוב**" - אלעמאל רוהט די שכינה ביי אידן, "**ואפילו בשבתות דחול, אלא דאיהו סוגרת ומסוגרת בהון**"! די שכינה איז דא, אלע אורות איז דא, עס איז טאקע פארמאכט, אבער עס געפונט זיך!

אויף דעם שטייט: "**דרשו ה'**"! וויסן אז עס איז דא 'קדושת שבת', "**יוֹם זֶה גָּדוֹל וְקָדוֹשׁ הוּא לְפָנֶיךָ**"! און בענקען א גאנצע וואך צום שבת, זוכן אלע עצות, נישט פארלירן די שבתים פון דער וועלט! דאס איז א 'רכוש עולמי' לעולמי עד ולנצח נצחים! א רכוש נורא ונפלא, דער שבת קודש!

---

**מז.** דברים לא, יח.

**מח.** עי' בספה"ק ליקוטי מוהר"ן סי' נ"ו, באות ג', וז"ל: "כי יש שני הסתרות. וכשהשם יתברך נסתר בהסתרה אחת, גם כן קשה מאד למצאו. אך אף על פי כן, כשהוא נסתר בהסתרה אחת, אפשר לייגע ולחתור עד שימצא אותו יתברך, מאחר שיודע שהשם יתברך נסתר ממנו. אבל כשהשם יתברך נסתר בהסתרה תוך הסתרה, דהיינו שההסתרה בעצמה נסתרת ממנו, דהיינו שאינו יודע כלל שהשם יתברך נסתר ממנו אזי אי אפשר כלל למצוא אותו, מאחר שאינו יודע כלל מהשם יתברך. וזה בחינת (דברים ל"א): "**ואנכי הסתר אסתיר**", דהיינו שאסתיר ההסתרה, שלא ידעו כלל שהשם יתברך נסתר. ואזי בודאי אינו יכול למצוא אותו יתברך, מאחר שאינו יודע כלל שצריך לבקש אותו יתברך, כי אינו יודע כלל שהשם יתברך נסתר ממנו, **כי ההסתרה בעצמה נסתרת** כנ"ל", וכו', עייעו"ש.

**מט.** פר' קרח, דף קע"ט:

און מען דארף מתפלל זיין, זוכה צו זיין צו פילן דעם נועם פון שבת! "טועמיה חיים זכו"! אז מען שפירט א טעם פון שבת שפירט מען א טעם פון חיים אמיתיים![נ]

### זיך איינקויפן דעם שבת

מען האט פריער גערעדט טאקע, וויבאלד דער רבי איז מקשר שבת צו תשובה, איז שבת אליין תשובה! שבת איז מחילת עוונות! 'שבת'! פארברענגען דעם שבת! בעיקר, נישט מיט קיין דברים בטלים, דאס איז מחלל דעם שבת, אזוי ווי עס שטייט אין זוהר[נא], דאס איז פוגם דעם שבת!

אוודאי, מען דארף איינקויפן דעם שבת מיטן 'דאווענען'! שבת איז דאך א טאג פון דביקות, מען דארף דאווענען שבת מיט דביקות! איינקויפן דעם שבת מיטן דאווענען, און מיט די זמירות, און גלויבן אז דער אכילת שבת **"דא הוא סעודתא דמהימנותא"**, דאס איז א

---

**נ.** ועיין בזמירות "יום מחמדים" (פרק ז') עצה נפלאה ממורינו שליט"א למי שאינו מרגיש בגודל קדושת ונועם שבת קודש, וז"ל: מובא שפעם נסע הרה"ק רבי אלעזר זי"ע בנו של הרה"ק רבי אלימלך מליזענסק זי"ע, לאחד מצדיקי דורו, ובישבו אצל השלחן הצדיק נאנח רבי אלעזר ואמר "אוי טאטע". אמר לו הצדיק: 'ודלמא לאו אביו הוא', ולא השיבו רבי אלעזר מאומה. כשחזר רבי אלעזר לביתו סיפר לאביו, הרבי ר' אלימלך, את מה שהיה אצל הצדיק. שאל רבי אלימלך את בנו: מה ענית לו? אמר לו רבי אלעזר: לא עניתי כלום. אמר הרה"ק רבי אלימלך זי"ע: היה לך להשיב לו, שכתוב בתורה **"שאל אביך – מען לייט** (בארגט) **זיך א טאטע"**.
**ודבר זה נוגע גם לענינינו שכאשר אין האדם מרגיש את קדושת השבת, עליו להתגבר ולהתעורר ולעשות את עצמו כמי שאכן באמת מרגיש את הקדושה, ובהמשך הזמן יבוא לעשות הדבר בקדושה ברצון אמיתי ומתוך פנימיות הלב.**
ועיי"ש מה שמורינו שליט"א מפרש לפי זה מי ש'שבתו חול' אצלו, עליו לקיים 'לוו עלי' כענין 'שאל אביך', 'ואני פורע' שיזכה להתלהבות.

**נא.** פר' בשלח דף מ"ז ע"ב, וזל"ש: "תָּא חֲזֵי הַהוּא מִלָּה דְּנָפִיק מִפּוּמֵיהּ דְּבַר נָשׁ, סַלְקָא וְאִתְּעַר אִתְעֲרוּתָא לְעֵילָּא, **אִי לְטָב, אִי לְבִישׁ**. וּמַאן דְּיָתִיב בְּעִנּוּגָא דְשַׁבְּתָא, אָסִיר לֵיהּ לְאִתְעֲרָא מִלָּה דְּחוֹל, דְּהָא פָּגִים פְּגִימוּ בְּיוֹמָא קַדִּישָׁא. **מַאן דְּיָתִיב בְּהִילּוּלָא דְּמַלְכָּא, לָא יִתְחֲזֵי לְמִשְׁבַּק לְמַלְכָּא, וְיִתְעַסֵּק בְּאַחֲרָא"**.

סעודה וואס מיר מאכן פארן אויבערשטן לכבוד די אמונה הקדושה וואס מיר האבן גע'ירש'ענט פון אונזערע אבות, מיט דעם זענען מיר 'נצחיים'!

און מען דארף זוכן דעם שבת מער און מער, סיי אינמיטן וואך, סיי שבת, און אין דעם עצם שבת - 'אנפילן דעם שבת', אנפילן דעם שבת מיט תפילה, מיט תורה, מיט נישט רעדן קיין דברים בטלים - עס איז דא דערין אסאך מכשול, השם ירחם עלינו, דאס איז פוגם דעם שבת! מען דארף זיין פארנומען מיטן 'שבת'!

דער זוהר הקדוש (שם) זאגט: אז א מענטש רעדט א דבר בטל, זאגט דער אויבערשטער: 'ווער לאזט מיר אפ אינמיטן די הילולא?! ער לאזט מיר אפ! ערשט איז דאך שבת, וואס רעדסטו א דבר בטל?!'

דער זוהר הקדוש זאגט, אז עס איז נישטא קיין דיבור וואס עס מאכט נישט קיין איתערותא דלעילא - אדער 'לרע' אדער 'לטוב'! שבת - א דבר בטל?! אפילו וואס מען מעג רעדן אינמיטן וואך, אבער שבת מאכט עס א גרויסן פגם! דער אויבערשטער זאגט, 'ווער לאזט מיר אפ?!' דו רעדסט 'נייעס' ערשט?! דו רעדטס נישט פון 'שבת'?! דו האסט נישט אינזין צו רעדן ערשט פון 'תורה' מיט 'יראת שמים' און מיט זאכן וואס קערט צום שבת?![נב]

---

**נב.** ע' בספר "יסוד ושורש העבודה", שער העליון, פרק י"א: "**ואם בימות החול אדם מותרה ועומד הוא בלאו ועשה על שיחת חולין, ק"ו הדברים ב"ב של ק"ו, יום שבת קדש הוא**, אשר מוזהר האדם להבדיל בין הקודש ובין החול אף בדברים המותרים לדבר בימות החול, בפסוק (ישעיה שם) "ודבר דבר", ודרז"ל (שבת קיג, ב) שלא יהא דיבורך של שבת כדיבורך של חול, **אוי לנו מיום הדין ואוי לנו מיום התוכחה**, כי משמעות בהרבה לשונות מאמרי הזה"ק, וביחוד במאמר דפ' ויקהל (דף ר"ה) שהזכרנו למעלה, **אף מי שהוא צדיק בדרכיו וחסיד בכל מעשיו, אך שאינו נזהר בדיבורו בשבת, דבר שפתים אך למחסור שאין לו חלק כלל בקב"ה ובישראל עם קדוש**. ולהיפך מצינו מדה טובה מרובה תשלומי כפלי כפלים, כל השומר שבת כהלכתו כאילו קיים כל התורה כולה, כמ"ש בזוה"ק, וכל דנטיר שבתא כאילו נטיר אורייתא כולא כו', ועוד אמרו בגמרא הקדושה (שם קיח, ב) על מי ששומר שבת

די 'זמירות' טייטשן אויך אויס דעם שבת! דער רבי האט אנגעזאגט מען זאל זינגען אלע זמירות![נג]. (אז מען רעדט) 'דיבורים' פון שבת, 'דאס גרויסקייט פון שבת', מיט דעם ווערט מען נכלל אין שבת! דאס איז די ריכטיגער טייטש 'סעודתא דמהימנותא', א סעודה וואס מען מאכט לכבוד שבת!

מיין טאטע עליו השלום[נד] האט מיר געזאגט, אז עס איז דא א מדרש: אז א מענטש קארגט אויסצוגעבן געלט אויף הוצאות שבת, זאגט אים דער אויבערשטער: 'שוטה, דו מאכסט פאר מיר א סעודה - און דו קארגסט?! דו ביזט אזוי ווי קַיִן וואס האט געברענגט א קרבן און ער האט געקארגט, ער האט געבראכט 'זרע פשתן', הבל האט געבראכט 'ממיטב הצאן"![נה]

---

כהלכתו אפי' עובד ע"ז ר"ל כדור אנוש מוחלין לו. **לכן בין תבין את אשר לפניך וחוס נא על נפשך היקרה שישאר חלקך בקב"ה ית"ש ויתעלה זכרו לעד ובעם קדוש הישראלי**, מנה מנה ותקיל במאזנים לעלות המה דבריך ומחשבותיך בשבת קודש, דהיינו כן יבוא דבריך אשר יצא מפיך, טרם יוציאם יביאם לשקול במאזני שכלו, אם הדיבור הוא של מצוה או מחשבה קדושה בדברי תורה או בעבודת הבורא, ידבר ויחשב, אך אם יראה בעיני שכלו שהדיבור אין בהם קדושה, או מחשבה שאינה של קדושה, שמור רגליך מלכד ח"ו, **והוי בורח מהם כמו שבורחין מן הדוב ומן הארי**. ואין יתרון לאדם בכל עמלו ביום הקדוש, רק ביראת ה' כל היום, יהגו רוממות אל בגרונם בשירות ותשבחות ובתורתו יהגה יומם ולילה, כמבואר במאמר הזה"ק דפרשת בשלח ופרשת ויקהל הנ"ל. ודי בהערה זו".

**נג.** עי' בספה"ק ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ק"ד: "**והיה מזהיר ומוכיח אותנו כמה פעמים, לזמר זמירות בשבת**, והיה מקפיד וכועס מאד על מי שהוא חכם בעיניו ואינו מתאמץ לזמר זמירות בשבת ובמוצאי שבת או שאר עבודות פשוטות, כי עיקר היהדות הוא בפשיטות ובתמימות גמור, בלי שום חכמות, כמבואר אצלנו כבר כמה פעמים. וגם הוא בעצמו, זכרונו לברכה, קודם שהגיע לו החולאת הכבד שנסתלק על ידו, קודם לזה, כל ימיו היה מזמר זמירות הרבה בכל שבת ושבת ובמוצאי שבת".

**נד.** ה"ה **הרה"ח רבי דוד** ב"ר יעקב גדלי' **שעכטער ז"ל**, עיין תולדותיו בקונטרס דורשי יחודך – מאמר ד' – הוצאתיך מארץ מצרים, ס"ק י"ג.

**נה.** בענין הקשר שהיה לאביו של מורינו שליט"א ליום השבת קודש, עיין באריכות בזמירות 'יום מחמדים' (סוף פרק ב') ובסוף מסיים מורינו שליט"א שם, וז"ל: זכורני

**עס פאסט נישט אפצולאזן...**

מען דארף זוכה זיין זיך משתדל זיין עוסק זיין בתורה בשבת, עס איז ידוע פונעם "בן איש חי"[נו], אז איין שעה לערנען שבת איז חשוב אזוי ווי טויזנט שעה אינמיטן וואך!

דער לשון הזוהר איז: "**תא חזי ההוא מילה דנפיק מפומיה דבר נש**" - אז א מענטש רעדט ארויס א ווארט, "**סלקא ואתער אתערותא לעילא**" - ווערט עפעס א התעוררות למעלה! אז ער האט גערעדט א ריכטיגע ווארט - כפי דער ווארט וואס ער רעדט, אזא התעוררות ווערט למעלה – "**אי לטב אי לביש**".

אויב דער זאך איז לצורך צו דינען דעם אויבערשטן, מאכט עס א גוטע התעוררות! רעדן סתם דיבורים, הבל הבלים?! יעדעס ווארט ווערט אפגעמאסטן למעלה וואספארא איתערותא דלעילא עס מאכט, צו 'לטב' צו 'לביש', חס ושלום. זאגט ער: "**ומאן דיתיב בעינוגא דשבתא, אסיר ליה לאתערא מילה דחול**" - שבת זאל מען נישט דערוועקן למעלה פון דעם וואס מען רעדט ארויס אויף דער וועלט א מילה דחול, "**דהא פגים פגימו ביומא קדישא**" - דאס איז פוגם אינעם שבת קודש!

דער לשון הזוהר איז: "**מאן דיתיב בהילולא דמלכא**" - ער זיצט ביים אויבערשטן, "**לא יתחזי למשבק למלכא**" - עס פאסט נישט

---

פעם אחת מערבי השבתות, שעדיין חסרו כמה שעות עד שהשבת פרשה כנפיה על היקום, ובהיותי בבית אני שומע מפי אבי מורי ע"ה קריאת זעקה היוצאת מעמקי הלב:

**אוי! איך האלט שוין נישט אויס ! ! !**

ולתמיהתי על מה זה, חזר ואמר: איך האלט שוין נישט אויס, איך ווארט אויפן הייליגן שבת, און ס'איז נאך דא א פאר שיינע שעות, ווי קען מען עס אריבער טראגן...

**נו.** עי' "בן איש חי", הלכות שנה שניה, פר' שמות: "**ולכן כתבו המקובלים ז"ל, דגדול הפועל הנעשה מעסק התורה ביום שבת, אלף פעמים יותר מן הנעשה מעסק התורה של ימי החול**".

אפצולאזן דעם אויבערשטן און פארגעסן פון שבת, "**ויתעסק באחרא**".

דערפאר טאקע, די זאך פון 'חדשות', 'נייעס', איז ממש - שבת איז עס אזוי וואכנדיג, אזוי וואכנדיג! שבת איז א טאג – (עס איז דא) אסאך אמאליגע אידן וואס שבת רעדן זיי 'אביסל', נאר בלשון הקודש![נז] אידן וואס זיי זענען געווען עובדים! ווייל אין דעם איז גאר שטארק תלוי די קבלת 'קדושת שבת'!

## וואס רעדט מען ביי דיר ביים שבת טיש?!

איך האב געהערט פון רבי אלי' ראטה ע"ה[נח], אז א איד פלעגט זיך פארקלאגן אויף א קינד זיינער ווי ער קוקט אויס, פלעגט ער אים זאגן: '**וואס רעדט מען ביי דיר שבת ביים טיש? - מען רעדט 'לשון הרע' מיט 'רכילות', מיט 'אהער און אהין', מיט 'נייעס'? צו מען רעדט 'יראת שמים', 'מעשיות צדיקים'**?!.

'עובדות פון צדיקים' - יעדער עובדא - אדער זאגט עס א 'שבירת היצר', אדער זאגט עס א 'דעת תורה', אדער זאגט עס א 'מידה טובה'!

איך זאג אלעמאל, א מגיד שיעור קען הארעווען לכל הפחות פינעף שעה אויף א בלאט גמרא! פינעף שעה לכל הפחות אויף צו זאגן א בלאט גמרא! און א טאטע האט נישט קיין צייט במשך די וואך?!... עס איז דא באשריבן היינט מעשיות פון חזון איש, פון דעם חפץ חיים, פון די חסיד'ישע צדיקים! גיב א קוק אריין, פון צוואנציג

---

**נז.** עיין בבאר היטב (או"ח סימן ש"ז סק"ב) ובמשנה ברורה (שם סק"ה) בשם השל"ה הק' (מסכת שבת פרק נר מצוה אות סד) **דאנשי מעשה נזהרים ביותר לדבר בשבת רק בלשון הקודש**. ועיין בשער הכוונות (דף עד ע"ד) דהאר"י הק' היה נזהר מאד שלא לדבר בלשון לעז ביום שבת, זולתי כשהיה אומר איזה דרוש, והיה צריך לאומרו בלשון לעז, כדי שיבינוהו העם השומעים.

**נח.** ה"ה **הרה"צ רבי אלי ראטה זצ"ל** מחסידי קמאי ומצדיקי ירושלים, עיין תולדותיו בקונטרס דורשי יחודך – מאמר ב' – אמונה פשוטה, סק"נ.

עובדות נעם ארויס איין עובדא וואס דאס פאסט צו דערציילן שבת ביים טיש. און דאס נעמען די קינדער מער ווי מוסר! מער ווי אלסדינג!

ער איז געווען אין דער זאך פון חינוך - ר' אלי' ראטה ע"ה. אלעמאל איז דאס געווען די ערשטע זאך: 'ווי קוקט אויס דער שבת'דיגער טיש?!'

## **שבת – למעלה מן הזמן!**

מען דערציילט אויף רבי גדלי' קעניג ע"ה[נט]. בדרך כלל, שבת האט מען דאך דאס דאווענען פון שבת און מען האט די סעודות שבת און די זמירות פון שבת און נאַכער האט מען דאס דאווענען פון שבת בייטאג. ביי אים - נאך די סעודת שבת מיט די זמירות שבת, איז געווען כל ימיו א 'חוק ולא יעבור' - אלע פון שטוב האבן גענומען א תהילים, מען האט אויסגעזאגט גאנץ תהילים ביז מנחה![ס] - אנגעפולט דעם שבת, אנגעפולט דעם שבת! דאס איז א 'יום קדוש'!

---

**נט.** ה"ה **הגה"ח רבי גדלי' אהרן** ב"ר אלעזר מרדכי **קעניג ז"ל**. עיין תולדותיו בקונטרס דורשי יחודך – מאמר ח' – יושב הדעת, ס"ק י"ז.

**ס.** עי' בספה"ק "יקרא דשבתא" סי' ע"ג תניינא: "שבת הוא בחי' בינה כמבואר בזוה"ק. ובינה הוא שורש בחי' תשובה כידוע וכ"ש ולבבו יבין ושב. וע"כ שבת הוא בחי' תשובה כנ"ל כ"פ. ומחמת שאמירת מזמורי תהלים מסוגל לתשובה ע"כ מרבים במזמורי תהלים בשבת גם בסדר התפלה **ורבים מישראל נוהגים לומר מזמורי תהלים הרבה בכל שבת**". גם עי' ספה"ק "אמרי פנחס", שבת ומועדים, אות כ"ד: "דיבר מאור הגנוז, ואמר נ"י **שלכן נהגו העולם לומר תהלים בשבת**, כי שבת מאור הגנוז, כמ"ש מתנה גנוזה, ותהלים ג"כ מאור הגנוז והוא אוצר מתנת חנם, והבן". גם עי' בספה"ק "מגן אברהם" (טריסק), פר' אמר: "דוד המלך ע"ה הוא גם כן בסוד מדת המלכות בחינת שבת, ולכן עשה ספר תהלים שירוו כל בני ישראל להבורא ב"ה כביכול בשירות ותשבחות, **ולכן צריכים לומר תהלים בכל שבת** ולעסוק בתורה ותפלה ועל ידי זה מעלים מידת המלכות עד הכתר ונעשה יחוד הגמור בכל העשר ספירות".

דער זוהר הקדוש זאגט עס איז א **'יומא דנשמתא - ולאו יומא דגופא'** - אינגאנצן נישט קיין טאג פון גוף, דאס איז שבת!

מען קען אפילו פארבייטן דער מזל 'לטובה' אז מען נעמט זיך צום שבת! עס ווערט געבראכט, אז דערפאר שטייט נישט ביי שבת 'ויהי ערב ויהי בוקר', ווייל עס איז למעלה מן הזמן![סא] אז מען איז זיך מקשר צו 'למעלה מן הזמן' באקומסטו א שפע - נישט וואס עס קומט דיר על פי מזל, נאר העכער ווי עס קומט דיר על פי מזל! עס איז ממש א רכוש גדול מאוד, א רכוש גדול מאוד!

מען דארף אסאך רעדן פון דעם, ווייל א זיבעטל יארן אונזערע איז 'שבת', א זיבעטל יארן איז שבת! יעדע זיבן יאר האבן מיר א יאר, שבת! דארף מען זעהן איבערצוגיין די שבתים ווי עס דארף צו זיין. אויף שבת שטייט, אז מען איז 'מוחל על כל עוונותיו'!

## ר' איד! עס איז דא א יום השבת!

דער אור החיים הקדוש זאגט טאקע אויפ'ן פסוק: **"וְיָדַעְתָּ הַיּוֹם וַהֲשֵׁבֹתָ אֶל לְבָבֶךָ"**[סב] - זאגט ער צעהן פשטים אויף 'וידעת היום'. איינער פון די צעהן פשטים איז: וידעת 'היום' – **איד! דו זאלסט וויסן**

---

**סא.** עי' ספה"ק "מנחם ציון" פר' בשלח: "יום השבת שהיא נקודה האמצעית אליה תשובנה כל העובדות של ימות החול שהיא למעלה מהזמן, וראיה לדבר שבכל בריאת ימי החול נאמר 'ויהי ערב ויהי בוקר' [בראשית א ה] **ובשבת לא נאמר כן**, והוא בעבור שמראה הערב והבוקר לא שייך רק בימות החול שהם **תחת הזמן** אבל יום השבת הוא **למעלה מהזמן**".

**סב.** דברים ד, לט, וזל"ש, בביאור עשירי: "יתבאר על דרך אומרם ז"ל (ירושלמי ברכות פ"א ה"א) שקול שבת כנגד כל התורה כולה, והנה לפי שיבא היצר ויאמר לאדם מה כחך כי תיחל לקיים כל התורה כולה שהיא שלימות האדם, ומה גם אדם שעברוהו רעות רבות ירחיקהו היצר, מה תוכל לתקן את אשר פעלו ידיך מהרעות, לזה אמר משה **וידעת היום**, אותו שכתוב בו היום שהוא השבת דכתיב (שמות טז כה) **כי שבת היום, תן דעתך עליו, ובו תשיב אל לבבך, כי הוא שקול כנגד כל התורה**, וזה יועיל לסתור ב' טענות, בין לתקן מה שעברוהו מהמרדים, בין להשלמת הנפש, שעל ידי שמירתו הרי הוא כאלו קיים תרי"ג מצות".

**אז עס איז דא א 'יום' השבת'!** דער מענטש אז ער וויל תשובה טוהן, קומט דער יצר הרע און זאגט אים: "דו קענסט משלים זיין אזוי פיל מצוות ומעשים טובים וואס דו האסט פארפעלט ביז ערשט? וואס וועסטו שוין פארדינען פון דיין תשובה? דו וועסט קענען מתקן זיין די חטאים וואס דו האסט געזינדיגט?!" דאס איז דאס ערשטער יאוש און ערלעדיגט! און מיט דעם פטר'ט ער אוועק רוב וועלט! - זאגט דער אור החיים הקדוש: וואס האסטו מורא? דו האסט פארפעלט אזויפיל מצוות? **"השומר שבת כהלכתה כאילו קיים כל התורה כולה"!** דו האסט א השלמה אין אלע מצוות!

- וואס האסטו מורא, חטאים ועוונות? די גמרא האט אנגעכאפט דעם גרעסטן עוון: **"אפילו יש לו עוון עבודה זרה כדור אנוש מוחלין לו!"** - האסטו דאך שבת! **"וידעת 'היום'"** - דערמאן דיר אז עס איז דא א טאג וואס עס הייסט שבת![סג]

---

**סג.** עי' בספה"ק ליקוטי הלכות הל' שבת ה"ה, אות ז': "וזהו עוצם מעלת יקרת קדושת שבת קודש שבשבת יכול כל אדם **אפילו אם עבר כל עבירות שבתורה** חס ושלום. הוא גם כן יכול להמשיך על עצמו קדושת שמו יתברך לידע ולהכיר שמו יתברך על ידי שמירת שבת שהוא שמא דקודשא בריך הוא. **כי בקדושת שבת אין מגיע שום פגם של שום עבירה** חס ושלום. כי שבת אגין על אדם הראשון בחטאו. וכמו כן מיגן השבת גם עתה על כל החוטא חס ושלום. כי על ידי שמירת שבת כראוי זוכין כולם **אפילו הגרועים והפחותים** לידע ולהכיר ולהאמין בשמו יתברך. ועל ידי זה יזכו לשוב אל ה' ...ועל כן אמרו רז"ל **כל השומר שבת מוחלין לו כל עוונותיו**, היינו כנ"ל". גם עיי"ש שם בהל' ז', אות ז': "אפילו אם נתעורר לשוב ונפל וחזר ונתעורר וחזר ונפל, וכן הרבה פעמים מאד **אף על פי כן יש תקוה תמיד על ידי קדושת שבת** ששומרים ישראל כנ"ל. כי הלא אפילו מי שחטא כל ימיו ולא נתעורר בשובה כלל, אם ישוב לבסוף מוחלין לו כמו שאמרו רז"ל, מכל שכן כשנתעורר כמה פעמים רק שחזר ונתרחק וכן היה כמה פעמים, שבודאי יש לו תקוה, כי לית רעותא טבא דאתאביד וכו'. וכל זה אי אפשר לידע כי אם על ידי זה הצדיק שעושה תשובה על תשובה תמיד, שזהו בחינת **יום שכולו שבת**, שיודע כי לגדולתו אין חקר, שהוא מודיע **ומכניס בלב ישראל שלא יתייאשו מן התשובה לעולם**", עכ"ל. וכדאי לעיי"ש בהמשך דבריו הנפלאים והערבים.

דער רבי רעדט טאקע אין דער תורה (ליקו"מ סי' ו'), פון **"בקי ברצוא בקי בשוב" - מען זאל וויסן אז א מענטש איז מקורב צום אויבערשטן! פון וואספארא פלאץ ער וויל - האט ער רשות צו רעדן צום אויבערשטן און שרייען צום אויבערשטן: "טָבַעְתִּי בִּיוֵן מְצוּלָה וְאֵין מָעֳמָד"!**[סד] **'ראטעווע ראטעווע'!**[סה] עס ווערט פארן אויבערשטער א געוואלדיגער נחת רוח פון דעם, ווייל עס ווערט נתגלה אויף דער וועלט - ווי א ווייטע קינד וואס דערמאנט זיך פון זיין שורש - אז ער וויל נישט אוועקגיין פון זיין שורש! וואספארא נחת רוח מיוחד דאס איז פארן אויבערשטן!

## שבת - א גאנצע וואך!

מאנכע זאגן אמאל - 'מען דארף אלעמאל רעדן פון שבת?!' אבער עס שטייט דאך: 'שלושים יום קודם החג זאל מען לערנען הלכות החג'. נו, שבת איז דאך אלעמאל 'שלושים יום קודם החג', דארף מען תמיד רעדן פון שבת!... מען פארגעסט גאר אז עס גייט א שבת - און עס איז אוועק א שבת!

---

**סד.** תהלים סט, ג.

**סה.** עי"ש, וז"ל (עפ"י ליקוטי עצות ערך 'תשובה' אות י'): "כשרוצה אדם לילך בדרכי התשובה, צריך להיות בקי בהלכה וצריך להיות לו שני בקיאות, היינו בקי ברצוא בקי בשוב שזהו בחינת 'עייל' 'ונפיק' בחינת (תהלים קלט ח) 'אם אסק שמים שם אתה ואציעה שאול הינך'. היינו מי שרוצה לשוב לשם יתברך, צריך לחגור מתניו, שיתחזק עצמו בדרכי ה' תמיד בין בעליה בין בירידה, שהם בבחינת אם אסק שמים שם אתה, ואציעה שאול הנך. היינו בין שיזכה לאיזה עליה, לאיזה מדריגה גדולה או קטנה, אף על פי כן אל יעמוד שם ולא יסתפק עצמו בזה. רק צריך שיהיה בקי בזה מאד לידע ולהאמין, שהוא צריך לילך יותר ויותר וכו' שזהו בחינת **בקי ברצוא** וכו'. וכן להיפך, שאפילו אם יפול, חס ושלום, למקום שיפול, אפילו בשאול תחתיות, חס ושלום, גם שם אל יתייאש את עצמו לעולם בשום אופן יהיה איך שיהיה, רק יחפש ויבקש את השם יתברך ויחזק עצמו בכל מקום שהוא בכל מה שיוכל. כי גם בשאול תחתיות נמצא השם יתברך **וגם משם יכולין לדבק את עצמו אליו יתברך** וזה בחינת 'ואציעה שאול הנך', בחינת **בקי בשוב**, כי אי אפשר לזכות לתשובה כי אם כשבקי שתי בקיאות אלו".

כמה פעמים ברענגט דער רבי אראפ וועגן 'תשובה' - און דערמאנט דארט שבת![סו] אין תורה נ"ח זאגט דער רבי אז שבת איז תשובה, אזוי ווי עס שטייט "ושבת עד ה' אלקיך" - לשון 'שבת', און עס איז תשובה מאהבה, און 'אהבה' איז 'בתענוגים', די בחינה פון "וקראת לשבת עונג". שבת באקומט מען אַן 'עונג' אין אויבערשטן, אַן עונג אין 'קרבת אלקים'! דעמאלט זאגט דער רבונו של עולם – 'איך וועל זיך אומקערן צו אייך - טוהט תשובה!' דאס איז די 'תשובה מאהבה' וואס ביי דעם איז נישטא מער קיין ד' חילוקי כפרה, קיין 'זיכוך', קיין 'מיתה מיט חלאים'!

שוין, דער אויבערשטער זאל העלפן - דער אויבערשטער זאל בענטשן כלל ישראל מיט ברכת שבת! ביי שבת שטייט 'ויברך'[סז] 'ויקדש', מען זאל געבענטשט ווערן מיט אלע גוטע ברכות!

---

**סו.** עי' עוד בליקוטי מוהר"ן סי' מ"ט, אות ו'; ובסי' ע"ט.

**סז.** בראשית ב, ג.

# עמודי הרתווך

ברכת השיר והשבח לכבוד הני נדיבים בעם,
אנשי חיל יראי אלקים, שנדבה לבם הטוב,
**להיות חבר ושותף מידי חודש בחודשו במפעל הקדוש כזה,**
להרביץ תורה ויראה טהורה בקרב עם סגולה

ה"ה

מוה"ר **בעריש קויפמאן** הי"ו

מוה"ר **שמעון קויפמאן** הי"ו

מוה"ר **מאיר מרדכי בערקאוויטש** הי"ו

מוה"ר **יוסף מרדכי כהנא** הי"ו

מוה"ר **יוסף בנציון שווארטץ** הי"ו

מוה"ר **יחיאל מיכל שלעזינגער** הי"ו

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, דזכות זה יעמוד
להם ולזרעם עד עולם, עם רוב תענוג ונחת
דקדושה כל הימים

# יאמץ לבך

אסאך מאל דאכט זיך פאר א מענטש אז 'בדרך הטבע' קען מען נישט געהאלפן ווערן, בגשמיות זעהט מען דאך זייער אסאך מאל אז על פי דרך הטבע קען מען נישט געהאלפן ווערן – אדער ברוחניות, מען קען נישט געהאלפן ווערן – דאס איז א גיוואלדיגע כפירה פון די סטרא אחרא, **עס איז נישטא אזא זאך! דער אויבערשטער איז א כל יכול, עס איז נישטא קיין פלאנטער פון וואס א מענטש קען נישט ארויסגיין – און דאס דארף מען גלייבן, דאס דארף מען גלייבן!**

(מתוך שיעור הקדמה לספה"ק משיבת נפש)